# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Barg Arop (Lid)/ Downhill (Poem)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8s04w381

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Moshe Shklar, Moyshe Shklyar/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**משה שקליאַר**

# באַרג-אַראָפּ

די אָזיערע לאָקט מיט איר טיף,
די אָזיערע וויגט זיך — אַ שיף,
וואָס שניידט דורך דעם אייזיקן שטראָם
און ס'עפנט דער שטראָם זיך — אַ תהום,
וואָס ציט דיך אַריין אין זיין מיט,
ווו ס'האָט זיך די זון איצט צעגליט.

און ס'פירט אונדז דער וועג באַרג-אַראָפּ,
צו זון, צו דעם הימלישן בלאָ,
און באַלד וועט אַ פאַל טאָן מיין קאָפּ
אַן אונטערגעהאַקטער צום דנאָ,
גלייך ס'וואָלט אים די שאַרף פון אַ שווערד
פאַרשניטן פון גוף מיין — די ערד.

אַ ווילדן געוויש רוישט דער ווינט
און לויפט פאַר די רעדער פאָרויס,
אַ רגע און מיר זענען בלינד —
אַ דונער, אַ בליץ און אַ שטויס,
אַ בוים און אַ שליידער צוריק ———
די אָזיערע בלייבט אינעם בליק.

*
**

די אָזיערע,
די אָזיערע —
דער זעלבער בלאָ,
די זעלבע זון,
נאָר נישט קיין רעדער דאָ
און נישט קיין באַרג-אַראָפּ —
מיר שיפלען זיך אויף וואַסער-פלאַך
און די יוגנט אין אונדדז קוועלט
און עס לאַכט אין אונדז די וועלט
און דער ווינט האָט זיך צעלאַכט
און עס לאַכן וואַלד און פעלד.

וויפל יאָרן שוין פאַרביי?
צען צי הונדערט,
אייביקייט?
וויפל טרויער, וויפל ווי,
וויפל וווּנדער, וויפל פרייד?

ווייסע ליליעס וויגן זיך,
בייגן זיך צום וואַסער איין
און דאָס שיפל וויגט זיך מיט,
שניידנדיק די כוואַליעס שיין.

אָט שוין באַלד וועט זיין דער ברעג —
ס'שאָטנט זיך אַ פאַסמע גרין,
נאָר ס'ווייסן וועסלעס זייער וועג
און פירן אונדז אַוועק אַהין,
ווו די אָזיערע זיך שפּאַלט —
פון איין זייט פעלד, פון צווייטער — וואַלד.

---

ווען מיר וועלן ציילן עלף אָנשטאָט זעקס מיליאָן קרבנות פון נאַציזם. דערווייל איז עס בלויז אַ יידישער קאַמף קעגן פעלקער-מאָרד. הגם עס רירט אָן די גאַנצע וועלט. (ווי לאַנג איז עס ווי אַ גאַנצער שבט פון אַ פערטל מיליאָן מענטשן אין אַפריקע איז ממש אויסגעקוילעט געוואָרן פון דער רעגירנדיקער מאַכט אין ניגעריע און די וועלט האָט געשוויגן. עס האָט אפילו געשוויגן דאָס „פאָטערל" אין רוים וואָס פאָרט אַרום איבער דער וועלט צו פריידיקן קריסטלעכע ליבע).

אפשר איז כדאי מכּמת העפלעכקייט צו אונדזערע גויאישע שכנים, צו דערמאָנען די קריסטן (קיינער ווייסט ניט ווי פיל) וועלכע זיינען אויסגעמאָרדעוועט געוואָרן פון די נאַציס. מיר וועלן אָבער גאָר ניט דערגרייכן דורך אַרייננעמען אין דעם חשבון פון אונדזער טרויער עלף מיליאָן אָנשטאָט די זעקס מיליאָן יידן. דאָס קען בלויז געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטיסעמיטן מבטל צו מאַכן דעם נאַצישן מאַסן-מאָרד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַזאַ שטילקייט, אַזאַ רו,
אַזאַ ליכטיקייט אַרום,
און אינצווישן איך און דו —
האַלט דעם אָטעם איין און קום...

***

די אָזיערע,
די אָזיערע —
דער זעלבער בלאָ?
די זעלבע זון?

וויפל יאָרן שוין פאַרביי?
צען צי הונדערט,
אייביקייט?
וויפל טרויער, וויפל ווי,
וויפל וואונדער,
וויפל פרייד?

און אָט די אָזיערע ווערט רויט —
זון־פאַרגאַנג, צי וועלט־פאַרגאַנג?
אויף די כוואַליעס וויגט זיך — טויט,
אין אויגן לעצטער ציטער־צאַנק.
יידן־קעפּ מיט לאַנגע בערד,
קינדער־קעפּעלעך ווי צווייט,
און מיין קאָפּ איז אין דער מיט ———
און איבער אַלץ לבנה־שווערד,
און איבער אַלץ אַ שוואַרצע נאַכט
און אַ ברוינע סאָווע לאַכט,
און אַ ברוינע סאָווע לאַכט ———

פון ערגעץ ווייט אַ פייער־פלאַם
מיטן ווינט זיך טראָגט צום ברעג
און כ'הער רופן: מאַמע — מאַ ————
איז עס מיין אייגן קול אין שרעק?

מאַמע, מאַמע, כ'קום צו דיר;
נעם מיך צו דעם טאַטן מיט!

אַ וואָלקן עפנט אויף זיין טיר
און פון יענער זייט כ'הער טריט,
שטילע, מידע טריט,
גוט באַקאַנטע טריט ———
פון בלוי אַרויס ער גייט,
מיין טאַטע גייט צו מיר,
די מאַמע ביי זיין זייט —
אַ זון־שטראַל איבער איר.

נאָר מיך הילט איין דער פלאַם
און שלעפּט מיך אויף צוריק,
איך פאַל ווי אין אַ תהום —
דער וואָלקן ווערט צעפליקט.

— — — — — — — — — — —

אַ ווילדן געוויש רוישט דער ווינט
און לויפט פאַר די רעדער פאָרויס,
אַ רגע און מיר זענען בלינד—
אַ דונער, אַ בליץ און אַ שטויס,
אַ בוים און אַ שליידער צוריק ———
די אָזיערע בלייבט אינעם בליק